בחצרות סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און פודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר
בעזהשי"ת
יום ב' פ' בחקותי | י"ב אייר | תשע"א | פסחים: כ"ה:

# באריכט:

## הגה"צ אבד"ק דקהלתינו וומסב"ג שליט"א קעהרט זיך אום למעונו נאך שיינע טעג אין אנטווערפן

פאלגענד איז דער באריכט פון די נסיעה ביז ווי מיר האבן באריכטעט ביז אצינד.

מוצאי שב"ק נאך מעריב האט געגומען א לענגערע צייט ביז ווילאנג דער ציבור איז אדורך זאגן 'א גוטע וואך', און דערנאך איז דער רב שליט"א אינאיינעם מיט די פמליא אריבער צום בית האכסניא ווי דער רב שליט"א האט געמאכט הבדלה.

נאך א קורצע ווייל האט דער רב שליט"א ממשיך געווען מיט די באזוכן בבתי רבני ודייני העיר שליט"א, ואלו הן (לויט די סדר פון די באזוכן). כ"ק אדמו"ר מצאנז זמיגראד שליט"א, הרה"ג ר' עמרם האניג שליט"א דומ"ץ קהלת מחזיקי הדת, הרה"ג ר' יצחק זעקל פאללאק שליט"א דומ"ץ קהלת מחזיקי הדת, כ"ק אדמו"ר מספינקא שליט"א, הרה"ג ר' משה האלבערשטאם שליט"א דומ"ץ באבוב, הרה"ג ר' חיים יוסף דוד ווייס שליט"א בעל "ויען דוד", און כ"ק אדמו"ר משאץ שליט"א.

## זונטאג

זונטאג אינדערפרי פ' בחקותי האט דער רב שליט"א געדאווענט שחרית בהיכל בית מדרשינו אום ניין אזייגער.

תיכף נאך שחרית איז פארגעקומען די עלעגאנטער פרישטאג בלויז פאר געלאדענע געסט ונדיבים בעם, אין שטוב פון ידידינו הרה"ח ר' יודא שטיין הי"ו.

ביים פרישטאג איז אויסגעטיילט געווארן פאר אלע משתתפים א הערליכער דעטאלירטער בראשור, מיט די ענדגילטיגע בוי פלענער פונעם נייעם בית המדרש, ווי אויך די זכותים אינעם בנין וואס שטייען צו פארקויפן, וכל הרוצה ליטול את השם יבא ויטול. בערך ארום צוועלף אזייגער איז כ"ק אדמו"ר מפשעווארסק שליט"א געקומען אויף א צוריק באזוך אינעם בית האכסניא פון רב שליט"א, ווי עס האט זיך אנטוויקלט א גאר שיינער שמועס בדברי תורה וסיפורי צדיקים.

## מעמד "הנחת אבן הפינה"

פון דארט איז מען צוגעגאנגען צום מעמד הנחת אבן הפינה צום בנין ביהמ"ד הגדול און די מקוה טהרה, וואס איז פארגעקומען אינעם חצר פונעם בנין בית מדרשינו.

מיר וועלן נאר דערציילן די פרטים פונעם מעמד בקיצור נמרץ.

אלס יו"ר המעמד האט געדינט מוה"ר ישראל יצחק היימאן הי"ו, וועלכער האט באגריסט די חשובע ראשי הקהלה מכל קצוות תבל, וואס טייל פון זיי האבן שוין געוויילט דאהי אויף שב"ק, און טייל זענען געקומען צופארן היינט זונטאג צום "הנחת אבן הפינה", ועל צבאם די רבני הקהלות: הגה"צ ר' ישראל חיים הורוויץ שליט"א רב דקהלתינו הק' מאנטשעסטער, און הגה"צ ר' יוסף בנימין וואזנער שליט"א רב דקהלתינו הק' לאנדאן, און דער געהויבענער גאסט הגאון הצדיק רב דקהלתינו הק' וויליאמסבורג שליט"א וועלכער האט געוויילט ביי אונז אויף שב"ק.

די סדר פון די דרשות זענען געווען ווי פאלגענד: הגה"צ רב דקהלתינו הק' מאנטשעסטער שליט"א, הגה"צ רב דקהלתינו הק' לאנדאן שליט"א, הגה"צ ר' אהרן שיף שליט"א גאב"ד מחזיקי הדת אנטווערפען, און הגה"צ דער וויליאמסבורגער רב שליט"א.

בשעת'ן מעמד האט אויף איניגע מינוט אביסל גערעגנט, אבער עס האט זיך דערנאך תיכף איינגעשטילט, און עס איז צוריק געווארן שיין וועטער אויף במשך דעם גאנצן מעמד רבתי.

מען קען הערן דעם גאנצן מעמד אויף "קול סאטמאר" ביי די מסיבות אפטיילונג, נומער 5 און דערנאך 3 פון די מעין מעניו.

נעכטן נאכט האט זיך הגה"צ אבד"ק דקהלתינו וומסב"ג שליט"א אומגעקערט בשטומ"צ פונעם שיינעם באזוך אין שטאט אנטווערפן ווי עס איז געבליבן א רושם פונעם הערליכען באזוך אויף א לאנגע צייט.

### -בורא עולם בקנין השלם זה הבנין-

## אנשי שלומינו תושבי בארא פארק – היום תאמצינו!

היינט אוונט קומט פאהר אין בארא פארק דער יערליכער מגבית לטובת דעם כולל למצויינים ויואל משה אין ירושלים עיה"ק וועלכער איז היינט צוטאג ברייט בארימט און איז מתנוסס לשם ולתפארת אין ירושלים עיה"ק.

"כולל למצויינים" איז געווען דער ערשטער ווארצל איינגעפלאנצן צו ווערן אין ירושלים עיה"ק פון ווי עס איז ארויסגעקוואקסן אט די היינטיגע לעכטיגע אימפעריע פון אזא שיינע קהילה – כולל – תלמוד תורה און ישיבה קטנה.

אצינד היינט נאכט וועלן אנ"ש תושבי בארא פארק ארויסווייזן שטיצע פאר'ן איבערגעגעבענער מנהל הכולל הרה"ח ר' שמואל זאנוויל פויגעל שליט"א ואתו עמו די געטרייע הנהלת הכולל און זיך משתתף זיין בגוף ובממון ביים היינט נאכטיגען מעמד אין עס זאל פון תמוד תורה הארט נעבן בית מדרשינו הגדול.

היי יאהר קומט ספעציעל צום מסיבה זיך באטייליגן הגה"צ אבד"ק ד'קהלתינו וומסב"ג שליט"א וועלכער וועט אי"ה אויפטרעטן מיט דברי ברכה לכבוד המאורע.

***-אלקא דר' מאיר יעננו-***

࿐•࿐

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער,**
**און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**
**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין**
**מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען**
**פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**